# פרשת תרומה ב׳ - ח׳ אדר תשפ״א לפ״ק

***יום ראשון פרשת תרומה***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט״א** תפלין לבן הר״ר **אברהם שיף** הי״ו. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט״א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה. אחר כך השמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט״א** לבארא פארק ומסר שיעור השבועי בשלחן ערוך (או״ח הל׳ ברכת הפירות סימן ר״ה סעיף א׳) בבית מדרשנו בבארא פארק. אחר השיעור השמיע **רבינו שליט״א** חלק מהדברי תורה שאמר בסעודה שלישית בשבוע העעל״ט.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**די** תורה דערציילט די פאריגע וואך אין די פרשה, אז פאר מתן תורה, ווען יודען זענען געווען ביים בארג סיני, און מען האט געזאגט נעשה ונשמע, האט משה רבינו געהייסען מען זאל ברענגען עולות ושלמים, מען האט מקריב געווען קרבנות, און ער האט גענומען דעם דם, און ער האט עס צוטיילט אין העלפט. האלב האט ער געלייגט אויפן מזבח, אזוי ווי יעדן קרבן וואס עס קומט אויפן מזבח. און האלב דערפון זרק על העם, האט ער מזה געווען אויפן ציבור (שמות כד-ו). און פון דא לערנט מען ארויס, אז א גר קען נישט אריינקומען צו ווערן א חלק פונעם כלל ישראל, נאר אזוי ווי יודען זענען דעמאלטס אריינגעקומען אין ברית. אמאל האט אויסגעפעלט דריי זאכען, היינט איז געגוג צוויי. מילה, מען דארף זיך מל'ן, אזוי ווי יודען האבן זיך גע'מל'ט ווען מען איז ארויס פון מצרים. און טבילה, מען דארף זיך טובל'ן. און הזאת דם, מען דארף מזה זיין פונעם דם. ווייל מען זעהט דא, אז פאר מתן תורה האט משה רבינו מזה געווען פונעם דם אויף יודען. און אין הזאה אלא בטבילה (יבמות סו:), פאר יעדע הזאה האט מען זיך געדארפט טובל'ן. פון דא לערנט מען ארויס, אז עס דארף האבן טבילה. עס איז דא א דיעה אין די גמרא אז אפשר זאל מען היינט נישט קענען מקבל זיין גרים, ווייל מען קען נישט מאכען קיין הזאת דם, ווייל עס איז נישט דא קיין קרבן. און די גמרא ברענגט פסוקים אז עס איז דא א גר לדורתם אויך. און אז עס איז נישט דא קיין הזאת דם, איז געגוג טבילה אליין. - מען געפונט נישט אין ערגעץ אז מען זאל שפריצן דעם דם פון א קרבן אויף א מענטש. מען האט עס זורק געווען אויפן מזבח. וואס איז דער ענין אז דא האט מען גענומען דעם דם, און מען האט זורק געווען פונעם דם אויפן ציבור.

**אין** פשטות איז דא געווען דער ערשטער קרבן וואס יודען האבן מקריב געווען, זייט מען איז ארויס פון מצרים. עס איז די ערשטע מאל וואס עס שטייט אין די תורה, אז מען האט גע'שחט'ן עולות וזבחים. מען זעהט ווען יודען האבן געוואלט ארויסגיין פון מצרים, האבן זיי געזאגט פאר פרעה (שמות ג-יח), דרך שלשת ימים נלך במדבר ונזבחה לה׳ אלקינו. עס איז דאך א ליגענט! זיי האבן געוואלט גיין דרך שלשת ימים, ונזבחה לה׳ אלקינו?! מען איז ארויס פון מצרים, און מען האט נאך אלץ נישט געברענגט קיין זבחים.

**די** פרשה פון מתן תורה איז דאך געווען וקדשתם היום ומחר (שם יט-י), עס איז געווען דריי טעג, שלשת ימי הגבלה. האבן זיי געזאגט, דרך שלשת ימים נלך, ווען אונז וועל מיר אנקומען צו דעם דרך וואס מען ווייזט אונז אין די שלשת ימים, דעמאלטס ונזבחה לה׳ אלקינו, דעמאלטס וועלן מיר שחט'ן אונזערע קרבנות. עס איז געלעגן אין זייערע ווערטער, נישט אז דרך שלשת ימים וועלן מיר גיין אין מדבר, און דארט וועלן מיר שחט'ן, נאר ווען אונז וועל מיר זיין אינעם מדבר, און מיר וועלן צוקומען צו מתן תורה וואס איז געווען אז מען האט זיך געדארפט צוגרייטן שלשת ימים, דעמאלטס וועלן מיר שחט'ן. - על כל פנים, מען געפונט נישט ערגעץ אנדערש אזא זאך.

**מען** ווייסט אז א קרבן איז מכפר (זבחים פח:), וואס איז דער הסבר אז א קרבן איז מכפר? א מענטש האט געזינדיגט, און ער קויפט א בהמה, ער גיט א טשע״ק פון הונדערט דאלער, און ער טראגט עס ארויף פארן כהן, און מיט דעם האט ער מכפר געווען זיין חטא? ער האט געגעבן פארן אייבערשטען הונדערט דאלער, און דאס איז זיין כפרה? ונשלמה פרים שפתינו, אפילו מיטן דיבור קען מען עס אויך משלים זיין. עס שטייט אין **רמב״ן** (פ׳ ויקרא), אז אין פשטות איז דער טעם, ווען מען האט געברענגט א

קרבן, האט א יוד געדארפט אינזין האבן, אז וואס מען טוט מיט דעם קרבן, וואלט זיך געקומען אז מען זאל טון פאר אים. ער האט געזינדיגט פארן אייבערשטען, ער האט ממרה געווען אינעם באשעפער. א מורד במלכות איז חייב מיתה, עס וואלט געדארפט קומען אז אים זאל מען ברענגען פאר א קרבן, אים זאל מען שחט'ן, און זיין דם זאל מען מזה זיין, אים זאל מען פארברענען. דער אייבערשטער האט נאר רחמנות געהאט אויפן מענטש, און דער באשעפער האט געהייסען מען זאל ברענגען א קרבן, נפש תחת נפש, און דער מענטש זאל נאר אינזין האבן בשעת מען ברענגט דעם קרבן, וואס עס וואלט געדארפט זיין מיט אים.

**מען** זאגט יעדן טאג ביי די קרבנות, אז מען האט מקריב געווען יעדן טאג א קרבן תמיד. און ביים קרבן תמיד שטייט (במדבר כח-ו), עולת תמיד העשויה בהר סיני לריח ניחוח אשה לה'. וואס דער טייטש איז, 'עולת תמיד', דאס איז א עולה וואס מען האט מקריב געווען תמיד, יעדן טאג צוויי מאל אין טאג, 'העשויה בהר סיני', וואס עס איז געמאכט געווארן אינעם בארג סיני? וואס איז דער העשויה בהר סיני. רש"י זאגט צוויי פשטים. איין פשט זאגט רש"י, אז דאס איז אזא עולה וואס יודען האבן דעמאלטס מקריב געווען, ווען מען איז געשטאנען ביים בארג סיני, האט מען געשחט'ן עולות וזבחים. די קרבן תמיד וואס מען ברענגט, איז אזוי ווי דער קרבן. למאי נפקא מינה. אזוי ווי דארט האט מען אריינגעלייגט דעם דם באגנות, מען האט אריינגעלייגט דעם דם אין א כלי, לערנט מען פון דעם אראפ, אז די קבלת הדם האט געדארפט זיין אין א כלי. עולת תמיד, העשויה הר סיני, עס מוז זיין אזוי ווי די הלכות וואס איז געווען ביי דעם קרבן וואס מען האט מקריב געווען בהר סיני.

**לויט** דעם קען זיין, דער פשט דערפון איז, דאס איז די ערשטע מאל וואס כלל ישראל האט מקריב געווען א קרבן פארן אייבערשטען. משה רבינו האט געוואלט ווייזען, אז עס איז נישט גענוג אז מען ברענגט א קרבן, און גע'שחט'ן אין משכן פארן אייבערשטען. אם ארעב מה אומר לך (תהלים נ-יב), אויב דער אייבערשטער איז הונגעריג, דארף ער נישט בעטן ביי דיר, האוכל בשר אבירים ודם עתודים אשתה, זבח לאלקים תודה וכו'. טייטשט רש"י, די זבח פארן אייבערשטען איז תודה, אז א מענטש זאל זיך מתוודה זיין, איך בין שולדיג, איך האב געזינדיגט, און עס וואלט זיך מיר געקומען צו טון וואס מען טוט מיטן קרבן, דאס איז דער עיקר פונעם קרבן.

**האט** משה רבינו גענומען דעם דם, און אויסער דעם וואס ער האט געשפריצט אויפן מזבח, האט ער זורק געווען א חלק פונעם דם אויפן מענטש, אז דער מענטש זאל זיך איבערטראכטען, אז זיין דם וואלט מען געדארפט ברענגען אויפן מזבח. דער אייבערשטער האט נאר מחליף געווען דיין דם מיטן דם פונעם קרבן. אויב עס פעלט אים די כוונה, אז ער וואלט געדארפט זיין דער קרבן, ברענגען זיך אליין פאר א קרבן, איז עס נישט מכפר. און אזוי ווי עס איז געווען דאס ערשטע מאל וואס מען האט געברענגט א קרבן, האט משה רבינו גענומען חצי הדם, און ער האט עס געלייגט אויפן מזבח, דאס איז א האלבע חלק פון די עבודה. וחצי הדם, די אנדערע האלב איז, ויזרק על העם, עס קומט זיך אויפן פאלק, ער זאל וויסן זיך אוועקצוגעבן פארן אייבערשטען.

**זאגט** דער פסוק, 'עולת תמיד', ווען איז דער קרבן מכפר, ווען עס איז 'העשויה בהר סיני', ווען עס איז געמאכט אזוי ווי אויפן הר סיני, וואס מען האט געלייגט דעם דם באגנות, און מען האט עס מזה געווען אויפן ציבור, דעמאלטס איז עס לריח ניחוח אשה לה'. אויב עס איז נאר סתם מקריב זיין א קרבן, און עס האט דיר גארנישט מעורר געווען די הקרבת הקרבן, אז דיין דם וואלט מען געדארפט מזה זיין פארן אייבערשטען, האסטו נישט אויפגעטון מיט דעם קרבן וואס דו האסט געברענגט, עס איז נישט קיין ריח ניחוח.

*

**עס** איז דא א מדרש (במדב"ר כא-יט), אז עס האט קיינמאל נישט גענעכטיגט א יוד אין ירושלים, וואס זאל האבן א עבירה אין זיין האנט. ווייל דער קרבן תמיד וואס מען האט מקריב געווען צופרי, האט מכפר געווען אויף אלע עבירות וואס מען האט געטון ביינאכט. און דער קרבן תמיד של בין הערבים, האט מכפר געווען אויף אלע עבירות וואס מען האט געטון בייטאג. זאגט דער מדרש, מעולם לא לן אדם בירושלים ובידו עון. דער מדרש ברענגט צו דערויף א פסוק (ישעיה א-כא) צדק ילין בה. די מפרשים

מוטשענען זיך, וואס איז דער לא לן אדם 'בירושלים', דער קרבן תמיד האט געהערט פאר יעדן יוד. יעדער יוד האט געברענגט א מחצית השקל, יעדער יוד האט געהאט א חלק אין די קרבנות. און אויב דער קרבן תמיד איז מכפר אויף אלע עבירות, איז עס מכפר אויפן גאנצן כלל ישראל. פארוואס איז לא לן אדם 'בירושלים' ובידו עון. נאר אין ירושלים, און ווען ער האט געוואוינט אין בני ברק, פארוואס האט עס נישט מכפר געווען אויף אים.

**נאר** תוספות (בבא בתרא כא.) זאגט, פאר דעם האט די תורה געהייסען אז מען זאל ארויפטראגען מעשר שני און עסן אין ירושלים. ווייל ווען מען האט זיך געדרייט אין ירושלים, און מען האט צוגעקוקט צו די עבודה וואס די כהנים האבן געדינט אין בית המקדש, האט עס אריינגעברענגט קדושה און יראת שמים אין דעם וואס איז דארט געווען. זאגט די תורה, מען זאל נעמען מעשר שני, און מען זאל עס ארויפטראגען אויף ירושלים, למען תלמד ליראה את ה' אלקיך (דברים יד-כב), אז דו וועסט דיך דרייען אין ירושלים, וועסטו זיך אויסלערנען יראת ה', מורא צו האבן פונעם אייבערשטען.

**קרבן** תמיד איז מכפר אזוי ווי יעדער קרבן. עס איז אבער נאר מכפר, ווען עס איז דא די צווייטע העלפט אויך. ווען דער יוד איז זיך מתבונן אז וואס מען טוט מיט דעם קרבן וואלט מען געדארפט טון מיט מיר, דעמאלטס איז דער קרבן תמיד א ריח ניחוח, אז עס איז מכפר. אבער טאמער מען איז מקריב א קרבן תמיד, ער האט געגעבן א האלבע דאלער איין מאל אין יאר אז מען זאל מקריב זיין קרבנות, אבער ער האט נישט קיין שום שייכות צו דעם קרבן, ער געדענקט אפילו נישט אז מען האט היינט מקריב געווען א קרבן תמיד, ווי אזוי איז דער קרבן תמיד מכפר אויף אים? עס פעלט די צווייטע העלפט, די הזאת הדם וואס דארף זיין אויפן מענטש פעלט. די וואס האבן אבער געוואוינט אין ירושלים, די האבן דאך צוגעקוקט די עבודה שטענדיג, ביי זיי איז טאקע געווען חצי הדם איז געגאנגען אויפן מזבח, אבער עס איז געווען די הזאת הדם וואס איז געגאנגען אויף זיי אליין אויך. מעולם לא לן אדם 'בירושלים' ובידו עון. ערגעץ אנדערש האט אויך געקענט זיין א ערליכער יוד וואו ער איז געווען, אויב ער האט געהאט די כוונת וואס מען דארף מכוון זיין, האט עס מכפר געווען. מען קען אבער נישט געבן א קלארע סטעיטמענ"ט אז יעדער יוד איז נתכפר געווארן, קיינער איז נישט געווען מיט א עון, ווייל אויב ער האט נישט ארויסגענומען דעם לימוד דערפון, איז עס נישט א קרבן. אבער אין ירושלים איז מעולם לא לן אדם בירושלים ובידו עון, מען האט זיך אראפגעלערנט פונעם קרבן, אז וואס מען טוט מיט דעם קרבן, וואלט מען געדארפט טון מיט מיר, און דאס האט אים געברענגט די הכרה אז פון היינט אן זאל ער ווייטער נישט זינדיגען.

*

***<u>יום שני פרשת תרומה</u>***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

*

***<u>יום שלישי פרשת תרומה</u>***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בן הרב **חיים מיכאל ווייסמאנדל** שליט"א (בן מחותנו הגה"צ אב"ד נייטרא מאנסי שליט"א), עב"ג בת הרב **ישראל אונסדארפער** שליט"א, שהתקיים באולם אימפיריעל. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***<u>יום רביעי פרשת תרומה</u>***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

*

***<u>יום חמישי פרשת תרומה</u>***

אחר התפלה השתתף **רבינו שליט"א** אצל האפשערן של נינו הילד **משולם זלמן באב"ד** ני"ו שהתקיים בבית נכדו הרה"ג רבי **אברהם ברוך באב"ד** שליט"א (חתן חדב"ן הרה"ג רבי אהרן ישעי' ראזנער שליט"א), בהשתתפות הסבים **הגה"צ אבד"ק זאליזשא שליט"א, והרה"ג רבי חיים יהושע באב"ד שליט"א** מטארטיקוב.

לעת ערב ביומא דהילולא של משה רעיא מהימנא נקבצו ובאו לבית מדרשנו קהל רב ועצום לשמוע את דבר ה׳ בעוז ותפארת ׳**דרשת ז׳ אדר**׳ מאת **כ״ק מרן אדמו״ר שליט״א**. בשולחנות המזרח פיארו עשרות רבנים ודיינים מרביצי תורה שליט״א.

אחר תפלת מעריב התעטף **רבינו שליט״א** בטלית, ועלה לפני הארון קודש, ודרש יותר משתי שעות ומחצה בדברי דרוש והספד, ובדברי הדרכה ומוסר לדעת את המעשה אשר יעשון.

**רבינו שליט״א** התחיל את דבריו בדברי דרוש ואגדה במעלת משה רעיא מהימנא, שזכה להשיג חמשים שערי בינה, ולאחר פטירתו נתעלה יותר מבחייו, ועומד ומתפלל עבור הכלל ישראל להשפיע עליהם כל טוב.

**רבינו שליט״א** התאונן בדברי נהי והספד על קרוב למאה רבנים וראשי ישיבות ומרביצי תורה בישראל שנסתלקו בשנה העעל״ט. אשר רבבות ישראל היו נשפעים מהם, ונחסר מאלפי ישראל אב ומדריך ומשפיע, אשר הדריכו אותם בכל צעד ושעל, לידע את המעשה אשר יעשון, והיו נהנים מהם עצה ותושיה בגשמיות וברוחניות בכל עניניהם. הם היו הגשר שחיבר אותנו אל חכמי ישראל והצדיקים מדור הקדום, היו לנו לדמות חי איך היו נראים החכמים הקודמים. וכעת נתהוה ירידה גדולה בעולם, צורת העולם נשתנה, הנסיונות של דורנו הולכות ומתגברות מיום ליום, ואין לנו מי שיעמוד בפרץ שיתקבלו דבריו באזני המון. ואם כך הם הדברים בהמבוגרים שזכו עוד להכיר את הקדמונים, אשר גם בהם יש ירידה, מה יהא עם הילדים הצעירים שלא ראו מאורות מימיהם, ועומדים לפני הר של נסיונות רבות, צדיק אבד לדורו אבד, לא נוכל למצוא נחמה על החורבן והירידה שנתהוה בעולם. ומשנות החורבן זה שבעים שנה, לא נסתלקו כל כך גדולי ישראל יחד בשנה אחת כמו כעת.

והוסיף **רבינו שליט״א** ואמר: מתחלה חשבתי שלא להזכיר כל שמות הנפטרים בפרוטרוט, כי הרשימה ארוכה, ואי אפשר להאריך בשבח כל אחד ואחד כפי שהיה מן הראוי לפי כבודו. אך נתתי אל לבי בהיות שרובם ככולם לא נספדו כהלכה מחמת המצב. ואפילו הלויה בעת מיתה לא היה ברוב עם כפי כבודם, וגם הניחום אבלים שהוא גם לטובת המתים היה מוגבל, כדאי להזכיר על כל פנים שמותם בהזכרה, דגדולה זכות הספדן של צדיקים שמעוררת רחמי שמים. והרי אמרו חז״ל (שבת קנג.) כי בעת שמספידין את החכמים הם באים לשמוע ההספד. ואם כן בהזכרת שמותם, נשמות כל החכמים הללו נמצאים פה כעת בבית המדרש, ובודאי יעוררו להמליץ טוב עלינו לעת כזאת שכל העולם כולו נזקקין לרחמי שמים מהמחלה השוררת בעולם, שינצלו מכל חולי ונזק.

**רבינו שליט״א** המשיך את דבריו בדברי הספד על הרבנים הגאונים והצדיקים מרביצי תורה וטהרה בישראל, שנסתלקו בשנה העעל״ט, ולקבל עליהם אבילות שעה לכבודה של תורה כנהוג.

*

אחר אמירת א-ל מלא רחמים, השמיע **רבינו שליט״א** בקול חוצב להבות אש דברי הדרכה ומוסר בענינים העומדים על הפרק, ובפרט כעת ששורר מגפה בכל העולם, ופגעה מדת הדין גם בנו, שנסתלקו כבר אלפי ישראל פה ובארץ ישראל, אברכים וזקנים, נשארו מאות אלמנות ואלפי יתומים, ה׳ ירחם. ומתחלה היה איזה התעוררות לתיקון המעשים, אבל ברבות הימים נחלשה, וכל אחד ישאל לעצמו מה שינה את עצמו הנהגתו ממה שהתנהג לפנים. ומועטים יכולים לומר שנתעוררו מהצרות לשנות את דרכי חייהם לטובה. ומוטל עלינו לעורר שוב ושוב כי חייבים אנו להשתנות, ואי אפשר לנו להמשיך ככה. הנסיונות הולכות ומתגברות, ומן השמים מבקשים מאתנו תיקון המעשים בפועל, ולא די באנחה לבד על המצב.

**רבינו שליט״א** עורר בדבריו החוצבים להבות אש על החובה להתעורר בעת צרה לתיקון המעשים, ודיבר בגודל נסיון הדור של כלי הטעכנאלאגיע אינטערנעט וסמארטפאון וחניכא דיליה, שהם מלאים בדברים שהם איסורי תורה לראות ולשמוע ולקרות, אשר גם בפילטער טוב קשה להנצל מהם, ומכל שכן בלא פילטער, ואשרי מי שלא משתמש בהם אפילו עם פילטער. והביע תמיהתו באמרו: און עס איז א געוואלדיגע פלא צו פארשטיין. עס איז נישט דא קיין איינער פון אונז וואס האט נישט געהערט די פראבלעמען וואס איז דא אין די היינטיגע טעכנעלאגיע, נישט איין מאל, און נישט צוויי מאל. עס איז דא וואס האבן שוין געהערט הונדערטער מאל, די געוואלדיגע מכשולות וואס קומען ארויס פון דעם, וואס מען דארף נישט מאריך זיין. מען

רעדט דאך פון ערליכע יודען, ישראל כשרים, וואס זענען מלאים מצות כרמון, עוסקים בתורה ובמצוות, ווי אזוי קען זיין אז מען הערט אזויפיל מאל די מכשול וואס עס איז דא דערין, און עס זאל נישט מאכן קיין שום רושם אויפן מענטש, אז ער זאל זעהן זיך צו טוישן און משנה זיין פון וואס ער איז געווען? **אוזן זו ששמעה על הר סיני לא תנאף! די אויער וואס האט געהערט אויפן בארג סיני, און ער באנוצט זיך מיט די כלים אן קיין שום בושה, ער שעמט זיך אפילו נישט, עס ארויס צו נעמען ברבים, אז איך נוץ א זאך וואס מען טאר נישט.**

רבינו שליט"א התריע בדבריו על המשתמשים בו בבית המדרש, באמרו: **ווי שעמט מען זיך נישט אריינצוקומען אין א בית המדרש, און ארויסנעמען א סמארטפאון, א כלי וואס איז פול מיט מינות, טומאה, תועבה. אין א בית אלקים, אין א פלאץ וואס איז הייליג, מיר האבן נישט היינט, א ווינקעלע וואס איז נאך געבליבן אביסל ריין אביסל הייליג, נאר דאס בית המדרש, קומט מען אריין און מען איז מטמא דעם בית המדרש, דא עפענט ער אויף א כלי וואס כל תועבות שבעולם ליגן דערויף? - וואו איז אונזער שכל?! - איך בעהט נאכאמאל, אז די וואס קומען דא אין בית המדרש, זאלן זיך נישט באנוצן מיט די כלים דא אין בית המדרש. אז מען דארף אמאל וויכטיג האבן, די גאס איז גענוג גרויס ווי מען קען ארויסגיין און זיך באנוצן דערמיט.**

**איך בעהט יעדן איינעם, אז ווען מען זעהט דער חבר נעמט עס ארויס אין בית המדרש, זאל ער מעורר זיין און בעטן, גיי ארויס פון בית המדרש! זאגט אים, אז דו ביסט א שליח פונעם רב, אז דער רב האט געבעטן אז דו זאלסט ארויסגיין פון בית המדרש דו זאלסט עס נוצן אינדרויסן. - וואס דארף ער קומען און נעמען א מקום קדוש און עס אזוי מוריד זיין.**

*

**מען** בעהט נאר איין זאך, **דו דארפסט האבן א סמארט-פאון, נוץ עס נאר ביי דיר אין געשעפט!** נוץ עס אויף וואס דו דארפסט עס האבן. אבער נישט אין די גאס, נישט אין שטוב, נאר פאר דעם געשעפט וואו דו דארפסט עס האבן, קענסט זיך באנוצן דערמיט פאר דיינע געשעפטן. **אלע אנדערע השתמשות וואס דו דארפסט, זאלסטו האבן א זייטיגן טעלעפאון אויסערדעם, דו זאלסט ארומגיין אין טאש מיט א נארמאלען טעלעפאון.** ברענג עס נישט אריין אין שטוב. דארפסט עס נישט ווייזן פאר דיינע קינדער.

**און** ווען דו האסט עס, **נוץ עס נאר פאר ביזנעס! נישט באנוצען זיך מיט קיין שום אנדערע זאך. נישט דא קיין וואטס-אפ, נישט דא קיין סאשע"ל-מידי"ע,** וויפיל נסיונות קען זיך א מענטש מונע זיין ווען ער געוואוינט זיך צו אז דאס איז א כלי וואס איז נאר געמאכט געווארן פאר ביזנעס, און נישט געמאכט געווארן צו נוצן שטענדיג. א מענטש דארף זיך מאכן גדרים וסייגים, יא מיר זענען שוואכע מענטשן, אונז פאל מיר אדורך מיט אלעם, און מיט דעם אויך.

*

**און** א שטאפל ווייטער, דער עולם געוואוינט זיך, זיך צו באנוצען מיט די כלים. איך וועל אוועקלייגן אין די זייט יעצט די אלע איסורי תורה וואס עס איז דא דערין. **עס מאכט חרוב דעם מענטש! במשך הזמן פארלירט ער זיין מענטשליכקייט! ער ווערט עדיקטע"ד דערצו, צוגעבונדן דערצו. יעדע פרייע מינוט וואס ער האט, איז ער אלץ פארנומען ארויסצוקוקן נאך א נייעס, נאך א נייעס, וואס מען ברענגט דערויף. זיין מחשבה איז שוין נישט אויפן פלאץ, ער לעבט אין א אנדערע וועלט,** און צוביסלעך, צוביסלעך, ווערט ער אפגעקילט פון יודישקייט, זיין השקפה איז אן אנדערע השקפה, זיין התנהגות איז א אנדערע התנהגות, זיין יודישקייט איז געטוישט געווארן. נאך א שטיק צייט וועט ער געפונען אז ער איז אן אנדערער סארט יונגערמאן פון וואס ער איז געווען מיט א פאר יאר צוריק. - דאס איז אלץ ווען ער נוצט עס פאר זיך.

**און** כל שכן ווען ער ברענגט עס אריין צו זיך אינדערהיים, [איך רעד נישט דעם חלק האיסור יעצט], **עס טוט אפשוואכן, עס טוט צוברעכן דעם קשר וואס א מאן דארף האבן מיטן ווייב, דעם קשר וואס א טאטע דארף האבן מיט די קינדער.** אנשטאט דעם וואס ער זאל פארברענגען מיט די קינדער, זיך אונטערהאלטן מיט זיי, און רעדן צו זיי מיט א ליבשאפט ווי א טאטע רעדט צו א קינד, ווי א מאן דארף רעדן צום ווייב, עס זאל זיין א קירוב לבבות, די פאר שעה וואס דו ביסט אין די שטוב זאלסטו כאטש האבן א שייכות און א קשר צו דיין משפחה.

מען ווערט אפגעריסן פון אלעם וואס עס טוט זיך אין די שטוב. די אהבה וואס מען דארף האבן צו קינדער, און וואס קינדער דארפן האבן צו עלטערן, לעשט זיך אויס צוביסלעך. דאס איז זאכן וואס נישט אונז דארף מיר עס זאגן, נאר גוים, אומות העולם, זענען מרעיש אויף די שאדנס וואס עס ברענגט אין די שטובער. איז דאך כל שכן ביי אונז יודען, וואס ביי אונז איז חינוך פון קינדער, שלום בית אין שטוב, דאס איז די גאנצע וואס דער מענטש פארמאגט, מען טאר נישט טון קיין שום זאך אין שטוב וואס טוט אפילו נאר צורירן און אפשוואכן א קלייניגקייט דערפון.

**וואו איז דער שכל פונעם מענטש? צו פארלירן זיין שלום בית, פארלירן די חינוך פון די קינדער, ווייל ער וויל זיך אונטערהאלטן מיט די כלים?!** עס איז נישט מעגליך אז א מענטש זאל זיין עדיקטעד צו איינע פון די כלים, און ער זאל קענען האבן א געהעריגען קשר מיט זיין שטוב מיט די קינדער. - **און א מענטש דארף מחליט זיין ביי זיך, וואס איז דיר וויכטיגער? דיין ווייב און קינדער איז דיר וויכטיגער, צו דו זאלסט זיך אונטערהאלטן מיט דיין סמארט-פאון?** און אויב ער קלויבט זיך אויס, אז דער סמארטפאון איז אים וויכטיגער, און ער איז בוחר אין די כלי מער ווי זיין שטוב, זאל ער וויסן אז ער איז שוין א גברא קטילא, עס האט אים שוין אפגע'הרג'עט! ער האט שוין פארלוירן אלעס! די כלים האבן אים שוין מעביר געוועזן על דעתו ועל דעת קונו! עס האט אים שוין צוגענומען אלעס וואס ער פארמאגט! - וואס בעהט מען פון א מענטש? **מען בעהט פון אים, זיי א נארמאלער מענטש!** דו זארגסט זיך, דו גיבסט אויס געלט פאר די חינוך פון דיינע קינדער, און צום סוף מאכסטו קאליע דיין שטוב ווען דו ברענגסט עס אריין צו זיי אינדערהיים.

**עס** האט מיך די וואך אנגערופן א יודענע אויפן טעלעפאון, און זי זאגט, **מיין מאן איז נעכטן אהיימגעקומען, ער האט זיך געקויפט א סמארטפאון, ער איז אריינגעקומען אין שטוב, ער האט געגעסן נאכטמאל, ער איז אריינגעגאנגען צו זיך אין שטוב, און 'פיר שעה' איז ער געזעסן ביי זיך אין שטוב, נישט גערעדט קיין ווארט מיט די בני בית, נישט גערעדט קיין ווארט מיט די קינדער.** דאס איז געוועזן נעכטן, און היינט, זאגט זי מיר, האט עס זיך איבערגע'חזר'ט דאס צווייטע מאל. און איך זאג פאר מיין מאן, ווי עס פאסט צו זאגן, 'עס טוט מיר זייער וויי וואס דו האסט געטון, אז דו האסט געקויפט א סמארטפאון'. און זי זאגט, איך בין פארלוירן... איך דארף זיין דער מוסר זאגער פאר מיין מאן?! עס פאסט אזוי? עס קומט זיך אזוי? די פרוי דארף זאגן מוסר פארן מאן אז ער זאל עס נישט טון? איך שפיר זאגט זי, אז דא גייט זיין א פירוד צווישן אונז. מיט די צייט פארליר איך מיין מאן מיט די קינדער. - א פאר טעג שפעטער רופט זי מיך, עס האט זיך גארנישט געטוישט, ער רירט זיך נישט, ער איז אזוי ווי א שטיין, עס רירט זיך גארנישט פון וואס איך האב גערעדט צו אים פריער, עס גייט נישט אריין אין זיינע אויערן, און איך זעה ווי עס איז עולם חשך בעדי', וואס דא גייט זיין שפעטער.

**שומו שמים! דאס איז נישט א מעשה פון איין יודענע, דאס איז מעשים בכל יום! טאג טעגליך איז דא שטובער וואס עס איז אזוי! - וואו איז דער שכל? וואס וועט זיין דער סוף פון אזא שטוב?** - איז דען נישט חשוב'ער, איז דען נישט שענער, אנגענעמער, ווען א טאטע קומט אהיים אין שטוב, און ער לייגט אלעס אין דער זייט, יעצט האב איך נישט עפעס אנדערש פאר מיר, נאר מיין ווייב מיט די קינדער! פארברענגען מיט זיי די צייט! זוכן אויפצובויען א קשר צווישן א טאטע און א קינד. אוועקגעבן צייט פאר זיי, זיי זאלן פילן א ליבשאפט, מיין טאטע איז דא מיט מיר, און ער הערט מיך אויס, און ער שטייט מיר צו די האנט.

**מיר** ווייסן די געוואלדיגע סכנות היינט מיטן חינוך פון קינדער, יעדעס קינד, אפילו פון די בעסטע שטובער, שטייט מען אין א סכנה ח"ו נישט צו פארלירן דאס קינד ער זאל נישט אוועקגיין פונעם ריכטיגן וועג. מען זאל נישט מיינען אז ביי מיין קינד וועט עס נישט פאסירן, דאס געשעהט ביי די שענסטע שטובער. און עס איז נישט דא אויף דעם נאר איין וועג, די ליבשאפט וואס עלטערן גיבען פאר די קינדער, וואס א קינד ווערט צוגעבונדן צו א טאטען, צוגעבונדן צו די מאמע, ער וויל נישט איבערלאזן, ער וויל נישט וויי-טון - דאס געשעהט נאר פון די געוואלדיגע אהבה וואס עס איז דא א קשר אין די משפחה, אז עס זאל זיך נישט צוברעכן.

**און** מען רעדט פון מענטשן וואס זענען קלוג, קלוג אין ביזנעס, קלוג אין תורה, חכמים ונבונים, און עס

גייט זיי נישט אריין אין קאפ וואס מען רעדט... מען הערט און מען הערט און עס געשעהט גארנישט! עס איז נאר ווי די גמרא (סוטה ג.) זאגט, אין אדם חוטא אלא אם כן נכנס בו רוח שטות, מען פארלירט דעם שכל. עס איז אזוי גרויס די תאוה פונעם מענטש, די נייגעריגקייט ער זאל וויסן אלעס וואס עס טוט זיך אויף די וועלט, אז עס נעמט אים אוועק, עס נעמט אים ארויס פונעם ריכטיגן שכל.

*

**רבינו שליט"א** עורר על מקומות העבודה שיש בהם נסיונות רבות להאברכים, ויש לדקדק לבחור במקום כשר גם כאשר שכר העבודה פחות. ובכל אופן מוטל על כל אחד לעשות לעצמו גדרים וסייגים כפי מה שאפשר בידו.

**ווען** מען ארבעט צוזאמען מיט גוים, דארף מען וויסן אז מען איז שטארק עלול נשפע צו ווערן פון דעם גוי וואס מען איז צוזאמען מיט אים ביי די ארבעט. די הנהגה פון א גוי איז א פארדארבענע הנהגה, ער איז דאך א מושחת. זיין רעדן איז פול מיט ניבול פה, יעדעס צווייטע ווארט וואס עס קומט ארויס פון זיין מויל. וואס ער ווייזט אויף זיינע כלים פאר אנדערע, זאכן וואס מען טאר נישט זעהן און מען טאר נישט הערן, ער לאזט איבער א רושם אויף דעם וואס געפונט זיך צוזאמען מיט אים. און צוביסלעך צוביסלעך, מען זיצט מיט אים א גאנצן טאג, און נאך א טאג, און נאך א טאג, הרגל נעשה טבע, מען ווערט צוגעוואוינט, עס איז שוין נישט אזוי געפערליך ווי מען האט עס אנגעקוקט פאר דעם. ער פארלירט די איידלקייט אין זיין רעדן, די קדושה פון א יודיש קינד וואס האט קיינמאל נישט ארויסגעזאגט א זאך וואס איז געווען אפילו קרוב לכיעור, א זאך וואס איז נאר נאנט געווען צו וואס עס פאסט נישט, האט מען נישט גערעדט. עס ווערט אויסגעלאשן ביי דעם מענטש, זיין שמירת עינים איז דאך אפגערעדט אז עס פאלט. ער ווערט אפגעקילט פון אלעם וואס עס איז געווען פאר דעם.

**אז** מען איז ביי דער ארבעט צוזאמען מיט א גוי, דארף מען טראכטן פארדעם, וואס קען איך טון אז איך זאל נישט ווערן צוגעבינדן צו אים, איך זאל נישט האבן מיט אים קיין חברותא, איך זאל זיך קענען פון אים דערווייטערן, און נאר טון צוזאמען מיט דעם גוי וואס איך דארף צו טון. אין ביזנעס האט מען דאך נישט קיין ברירה, ער מוז דאך זיין צוזאמען, אבער נישט רעדן צו אים קיין איין איבריג ווארט. וואס עס איז נישט נוגע געשעפטליך, האב איך מיט אים נישט קיין שייכות. און אז עס קומט יא אויס צייט אז מען זיצט ליידיג, און מען האט נישט וואס צו טון ביי די ארבעט, האבן אין טאש א קליין ספר'ל ארויסצונעמען, זעץ זיך אין א ווינקל, זאג תהלים, לערן אין א ספר, לערן משניות, נוץ אויס די צייט אויף וואס מען קען.

*

**די מכשולות אין אפיסעס ווען מען ארבעט צוזאמען מיט נשים, זענען זייער גרויס.** בדרך הטבע מאכט זיך א קירוב הדעת! מען זיצט מיט א מענטש צוזאמען טאג נאך טאג, וואך נאך וואך, חדשים מיט חדשים. און מען מוז האבן גדרים וסייגים מונע צו זיין דעם קירוב הדעת וואס עס איז דא בשעת מען איז אין די ארבעט.

**מען** דארף זיין נזהר, מען גיט נישט איבער א זאך מיד ליד, פון איין האנט צו דעם אנדערן האנט. מען האט נישט וואס צו רעדן מיט קיין סעקרעטערי און מיט די וואס ארבעט דארטן, קיין שום זאך אויף דער וועלט אויסער ביזנעס. נישט פארציילן קיין נייעס, נישט פארציילן זאכן וואס האט פאסירט, און ענליך'ס דערצו. און כל שכן ווען מען רעדט פון א דזשא"ק, א דיבור של שחוק, דארף מען זיך מונע זיין.

**מען** זאל זיך נישט רופן ביי די ערשטע נאמען וואס מען האט. אז מען רופט, רופט מען אויף די משפחה נאמען, עס איז אויך א געוויסע מרחק וואס טיילט אפ. - עס איז מיר אויסגעקומען מיט א חודש צוריק בערך, איך בין געווען מנחם אבל זיין ביי א שטוב פון א יונגערמאן וואס איז נעבעך אוועק פון די מחלה. האבן די אבלים מיר געזאגט, אז דער טאטע האט געהאט אן אפיס וואס עס האבן געארבעט דארט מערערע מיידלעך. האבן זיי געזאגט, אז דער טאטע האט קיינמאל נישט גערופן איינע פון די ארבייטערס, נישט מיטן ערשטן נאמען און נישט מיטן לעצטן נאמען, מען האט גערופן אויפן דעסק. 'עקסטענשא"ן איינס', 'עקסטענשא"ן צוויי', זאל קומען איך האב עפעס צו זאגן. קיינמאל נישט דערמאנט אפילו א משפחה נאמען.

אחר כך הרחיב רבינו שליט"א הדיבור בנועם דבריו, בסדר הירידה באדם, שמתחלת בדברים קטנים מאד, שינוי ממנהג אבותיו, זלזול באל תטוש תורת אמך, וכאשר נפרץ גדר זה, שוב השדה פרוצה לכל.

**די ערשטע זאך הייבט זיך עס אן מיט א חיצוניות'דיגע זאך, די צורה פון די פיאות. ער טוישט צו גיין מיט די פיאות פון ווי אזוי דער טאטע איז געגאנגען. ער הייבט זיך אן צוצופיצן די בארד, א צווייטע זאך. די קאפל ווערט א קלענערע קאפל פון וואס דער טאטע איז געגאנגען, ער האט א קליין קאפעלע אויפן קאפ. די אויגן גלעזער ווערן געטוישט, עס פאסט שוין נישט צו גיין מיט אמאליגע אויגן גלעזער, מען דארף גיין מיט אנדערע. זיין הוט הייבט ער אן צו טוישן, ער האט א אנדערע סארט הוט פון וואס זיין טאטע איז געגאנגען. די הויזן זענען אים שמאלער ווי דעם טאטענס הויזן. די שיך זענען שפיציגער פונעם טאטענס שיך. דער טלית ביים דאווענען ליגט שוין נישט אויפן קאפ, עס ליגט אויפן אקסעל. עס איז קלייניגקייטן.** - דאס איז די שינויים מיט וואס עס הייבט זיך אן.

**נאכדעם**, ער געפינט זיך שוין נישט גוט צווישן זיין חברותא, איך בין דאך שוין דער מאדערנער דא, איך בין נישט אזוי ערליך ווי מיינע חברים מיט וועם איך בין געווען צוגעוואוינט, **מען דארף אוועק מופן פון דא.** ער האט א גוטן תירוץ אז עס איז נישט דא קיין דירות צו באקומען. און אז מען מופט שוין וועל איך שוין גיין מופן אין א פלאץ ווי עס איז ברייט, ווי איך קען וואוינען אז קיינער וועט זיך נישט אומקוקן וואס איך טו, איך וועל דארט נישט זיין בולט מיט מיינע מעשים.

**ער** איז משנה פון וואס ער האט געזעהן ביי זיינע עלטערן. **ווי אזוי א שבת'דיגע טיש דארף אויסצוזעהן. ווי אזוי מען האט געזינגען זמירות ביי די עלטערן אין שטוב, ווי אזוי מען האט גערעדט דברי תורה בשעת מען איז געזעסן ביים טיש. די ערנסטקייט וואס איז געווען אמאל ביי א שבת'דיגן טיש צווישן טאטעס און קינדער. מען טוישט די מאכלים פון שבת אויף דיפ"ס, מאכלים וואס מען האט אלע יארן גענוצט אויף שבת, איז היינט שוין אין די זייט, עס איז דא אנדערע מאכלים וואס עס איז מער צוגעפאסט פאר אים. עס שטייט נישט אין די תורה מען דארף עסן טשאלענט, אבער ווען מען עסט נישט טשאלענט אין שבת, איז ער אוועקגעגאנגען פון דעם וואס דער טאטע האט געטון. פון דעם מנהג ישראל וואס מען האט געטון אין די גאנצע וועלט.** - ער איז 'קאא"ל', ער קען טון עפעס אנדערש אויך.

**אז** ער האט א ירידה, גייט עס אריבער צו די ווייב, דארט איז אויך דא א ירידה. **זי גייט שוין נישט אנגעטון מיט איר קלייד אזוי ווי איר מאמע איז געגאנגען. די שייטל איז שוין נישט די זעלבע ווי די מאמע איז געגאנגען. עס ווערט לענגער, עס ווערט מער צופלאסענער. די צודעק אויפן קאפ פון וואס די מאמע איז געגאנגען, ווערט געטוישט. פון א טיכל ווערט א היטל, און פון א היטל ווערט א בענדל, וכדומה.** - און ברבות הימים געפינט ער זיך נישט מער זיין פלאץ צווישן זיינע חברים, צווישן ערליכע יודען, און די קינדער הייבן אן צו באקומען אן אנדערן חינוך, ער איז מחנך די קינדער נישט אויף דעם וועג ווי ער איז מחונך געווארן - און אלעס האט זיך אנגעהויבן מיט אל תטוש תורת אמך! ווייל ער האט זיך אויסגעלערנט, אז מען מוז נישט טון וואס דער טאטע האט געטון, מען קען אוועקגיין דערפון. און אז מען קען משנה זיין פון וואס מען האט געטון ביים טאטען אין שטוב, איז נישט דא מער קיין צוריקהאלט, קען מען אלעס טוישן, וואס עס פאלט אים איין צו טוישן קען ער טוישן.

**עס** איז דא א מאמר אין די וועלט, אז א מנהג צוברעכט א דין. עס איז א מקור אין ירושלמי (יבמות יב-א), א מנהג איז מבטל אן הלכה. איך מיין אז דער פשט דערפון איז לענינינו, ווען א מענטש איז מזלזל אין א מנהג, איז דער סוף דערפון אז ער צוברעכט אן הלכה! עס הייבט זיך נישט אן מיט צוברעכן אן הלכה, עס הייבט זיך אן מיט מבטל זיין א מנהג פון די עלטערן, און נאכדעם פאלט מען אדורך.

**מיר** שטייען אין א עת צרה, עס פארלאנגט זיך תיקון המעשים. מען בעהט נישט קיין סאך, ווען מען רעדט פון תיקון המעשים. **שטעל דיך אפ אויף א מינוט, זיי דיך מתבונן, קוק, אין וויפיל זאכן עס איז דא א שינוי ביי דיר אין שטוב, פון וואס דו האסט געזעהן ביי דיין טאטע און מאמע, און וואס עס איז געווען ביי דיין זיידן אין שטוב.** וואס איז דא א שינוי

ביי דיין ווייב אין איר קליידונג מכף רגל ועד ראש, פון וואס איר מאמע האט זיך געפירט. איר שטרימפ, איר קלייד, איר שייטל, איר דעק אויפן קאפ, קוק וואס עס האט זיך געטוישט ביי דיר, ווי ווייט איז דיין שטוב פון דעם אל תטוש תורת אמך. - און נעם דיר פאר אויף אזויפיל, אז איך וועל עס צוריקשטעלן און טון, **איך גיי צוריקשטעלן מיין שטוב אזוי ווי עס האט אויסגעקוקט ביי מיינע עלטערן.** ווערסטו זעהן אז די הנהגה אין גאנצן הויז וועט זיך טוישן, עס וועט נתעלה ווערן, דו וועסט האבן א גדר אז פון דעם טוישט מען זיך נישט.

*

**רבינו שליט"א** המשיך ועורר על השייטלען הארוכות שנאסרו מכל גדולי ישראל מכל הסוגים, באמרו: **לאנגע שייטלעך איז דאך גע'אסר'ט געווארן פון אלע גדולי ישראל, פון אלע קרייזן! אין גם אחד וואס זאל זאגן א היתר דערויף, אז מען מעג דערמיט גיין. - און דאס איז שוין אויסער די חשש פון תקרובת עבודה זרה וואס עס איז דא ביי די שייטלען.** - און אויב דאס איז נאך נישט גענוג געווען. מיר האלטן שוין מיט א פירצה ווייטער, אז מען גייט מיט שייטלעך וואס איז געמאכט געווארן, אז עס קוקט אויס ווי עס קומט ארויס פונעם אייגענעם קאפ. די שייטל איז אזוי אויסגעשטעלט, אז עס קוקט אויס ממש ארגינעל אזוי ווי עס וואקסט האר. אז מען גייט ארויס אזוי אויף די גאס, איז מען א פורצת דת יהודית! זי איז א מכשלת את הרבים ביי יעדן טריט וואס מען גייט!

**און** אסאך מאל, **די זעלבע מאמע וואס האט געהאט מסירת נפש אז אלץ מיידל זאל איר טאכטער גיין אנגעטון איידל מיט אירע האר, צוזאמגעקעמט און נישט צולאזט און אזוי ווייטער. ווען די טאכטער קומט חתונה צו האבן, גייט די מאמע קויפן מיט איר א שייטל, און זי קויפט נאך א שייטל וואס קוקט אויס אנדערש פון וואס זי גייט אליין. און זי באצאלט נאך דערפאר טבין ותקילין, נאך מער געלט וויפיל עס האט געקאסט איר'ס. - ווי קען מען צעברעכן א טאג נאכדעם וואס זי האט חתונה געהאט, וואס זי איז געווארן אן אשת איש, זאל זי גיין אנגעטון ערגער פון וואס זי איז געגאנגען אלץ מיידל..? ווייל יעצט איז זי געווארן אן אשת איש. - וואו איז דער אל תטוש תורת אמך?**

**איך** האב געהערט פון א יודענע וואס גיט זיך אפ מיט שייטלען, האט זי געזאגט, אז ווען די מאמעס מיט די כלות קומען אריין קויפן די שייטלען, איז אלץ דא דין ודברים. די מאמע זאגט אזא שייטל, און די טאכטער זאגט אזא שייטל, און מען קריגט זיך ארום דארט, דער וויל אזוי און דער וויל אזוי. האט מען געפרעגט, וועלכעס איז מער, די וואס די מאמע וויל מען זאל גיין מיט א שוואך שייטל, און די טאכטער וויל גיין מיט א גוט שייטל. צו פארקערט, אז די מאמע וויל מען זאל גיין מיט א גוט שייטל און די טאכטער וויל מען זאל גיין מיט א שוואך שייטל? האט זי געענטפערט, אז **עס איז דא פופציג פראצענט וואס די טאכטער וויל גיין מיט א קליינעם שייטל, זי איז מחונך געווארן אין א ערליכע סקול, און מען האט איר אויסגעלערנט אז מען דארף אזוי צו גיין, און די מאמע זאגט איר, ניין, דו וועסט אויסקוקן בעסער ווען דו וועסט קויפן אן אנדערע שייטל. און די מאמע שטופט צו, דאס זי זאל טוישן פון וואס עס איז געווען. - זי האט צוברעכן ביי דאס קינד דעם אל תטוש תורת אמך מיט אלעם, און עס וועט זיך נישט אפשטעלן ביי די זאך אליין.**

**מיט א שטיק צייט צוריק, איז געווען ביי מיר א יונגערמאן, אז דאס ווייב איז אים קראנק געווארן מיט א געוויסע מחלה, און זי האט קאפ ווייטאג שוין א לענגערע צייט. עס פאלט אים אפילו נישט איין, אז זי זאל טראכטן אפילו, אז זי האט זיך לעצטנס געקויפט א שייטל וואס מען טאר נישט גיין דערמיט, און דאס ליגט איר אויפן קאפ, אפשר דארף איך טוישן מיין שייטל... ליגן קראנקערהייט אין בעט קען זי, אבער נישט טוישן זיך דעם שייטל.**

*

**און** אז מען רעדט דערפון, **מען דארף מעורר זיין די נשים וואס פארקויפן שייטלעך, און פאררעכטן שייטלעך. זיי זאלן וויסן, אז עס איז זייער אסאך תלוי אין זייער האנט ווי אזוי די צניעות אין די שטאט וועט זיין. אין זייער האנט ליגט, אז זיי זאלן קענען אויפהייבן די סטאנדארט פון צניעות ביי יודישע טעכטער אין די גאנצע שטאט.** ווען זיי זאלן ממליץ זיין, זיי וועלן צורעדן אז מען דארף קויפן א איידעלע כשר'ע שייטל, אז אזא שייטל איז גע'אסר'ט געווארן, קויף דיר א כשר שייטל, וואלטן זיי געקענט זייער אסאך אויפטון, און זיי וואלטן געהאט די זכות

הרבים פון צניעות אין די גאנצע וועלט, עס וואלט געווען לזכות פון די וואס געבן זיך אפ דערמיט, ווען זיי טוען צורעדן צו קויפן איידעלע שייטלעך. עס איז א זכות פאר זיי, און א זכות פאר זייערע קינדער. ווייל ווי אזוי מען גייט אנגעטון דא אין וויליאמסבורג דאס איז משפיע נישט נאר אויף וויליאמסבורג, נאר דאס איז משפיע אויף וואו עס איז דא א יודישער קיבוץ אין די וועלט, קוקט מען ארויס ווי אזוי מען גייט ביי אונז. ווען ביי אונז וואלט מען געגאנגען ערליך אנגעטון, וואלט עס געהאט אן השפעה איינדרויסן. ווען ביי אונז לאזט מען נאך, אז פאר וויליאמסבורג איז עס גוט, איז עס אוודאי גוט פאר ערגעץ אנדערש. - עס וואלט געווען א געוואלדיגער זכות הרבים, אשרי חלקם פון די וואס געבן זיך אפ דערמיט. אז זיי וואלטן צוגערעדט מען זאל גיין מיט כשר'ע צניעות'דיגע שייטלעך, איז זייער זכות זייער גרויס.

**און** פארקערט, הקולר תלוי בצווארם, ווען מען רעדט צו די קונים אז מען זאל קויפן אום-צניעות'דיגע שייטלעך, ווייל דאס וועט מאכן א בעסערן רושם, קוקסט אויס בעסער מיט אזא שייטל - זענען זיי מחטיאין את הרבים, זיי טוען מחטיא זיין דעם ציבור, זיי טוען אראפברענגען דעם סטאנדארט פון צניעות ביי אונז אין די שטאט, און המחטיא את הרבים דארף מען דאך נישט זאגן וואס עס שטייט אין חז"ל (אבות ה-יח) אין מספיקין בידם לעשות תשובה, און המזכה את הרבים אין חטא בא על ידו.

*

**לעצטענס האט מיך א יונגערמאן געפרעגט, אז זיין ווייב וויל זיך קויפן א לאנג שייטל. פרעגט ער מיך, וויפיל איז דער שיעור פון מחאה? אז זי וויל מיך נישט צוהערן, וויפיל בין איך מחויב מוחה צו זיין? איך בין מחויב זיך צו קריגן מיט איר? איך בין מחויב זיך צו צושלאגן? וואס דארף איך טון ווען זי וויל גיין מיט א לאנג שייטל, דער רב זאל מיר זאגן וויפיל בין איך מחויב מוחה צו זיין דערויף?** - איך האב אים געזאגט, הער מיך אויס. אויב דו ווילסט באמת אז זי זאל נישט גיין דערמיט, זאג איר אזוי: **אז זי זאל וויסן, אז דאס וואס זי טוט, טוט דיר זייער וויי. עס גייט דיר עד דכדוכה של נפש אז זי גייט אזוי אנגעטון. און זי איז נישט בארעכטיגט אז זי זאל דיך מצער זיין. און זי זאל וויסן, אז זי איז נישט נושא חן אין דיינע אויגן מיט דעם שייטל וואס זי גייט, פון היינט אן ווערסטו נישט זאגן קיין שום קאמפלימענ"ט אויף איר לבוש אז זי גייט שיין אנגעטון, ווייל עס איז מאוס אין דיינע אויגן וואס זי טוט. זי זאל נישט זיין ברוגז אויף דיר, ווען זי וועט קיינמאל מער נישט הערן א קאמפלימענט פון דיר אויף איר קליידונג, ווייל זי האט זיך עס אליין צוגעברענגט, ווייל זי גייט נישט אנגעטון כדת ישראל.** - ווערסטו זעהן וואס פאר א רושם עס וועט מאכן אויף איר. און דו זאלסט זיך האלטן דערביי! דו זאלסט טאקע נישט געבן קיין קאמפלימענט פאר קיין שום זאך וואס איז נישט אויסגעהאלטן, זאג נישט אז עס איז גוט עס איז שיין.

**נאכדעם** זאלסטו איר זאגן: **אז זי זאל וויסן, אז זי טוט אראפברענגען דיין כבוד צווישן דיינע חברים אין בית המדרש, דו גייסט ווערן יעצט א צווייטער-קלאס יונגערמאן, ווייל דיין ווייב גייט נישט איידל אנגעטון. און מען טראכט אויף דיר אז דו ביסט דער וואס לאזט עס צו אין שטוב אז מען זאל גיין אזוי, דו קענסט דאך נישט פארציילן פאר יעדן איינעם דעם אמת, אז דו ווילסט נישט, נאר זי וויל. און זי איז נישט בארעכטיגט אז זי זאל נעמען דיין כבוד און עס משפיל זיין, אז דו זאלסט זיין פאר א בזיון אין די אויגן פון דיינע חברים.**

**זאג** איך פאר דעם יונגערמאן, אויב עס וועט דיר באמת וויי טון, וועט זי שפירן אז עס טוט דיר וויי, און צום סוף וועט זי זיין א אשה כשרה וואס איז עושה רצון בעלה. עס איז דא א וועג ווי אזוי מען קען רעדן. מען קען נישט מוחה זיין היינט, מען קען נישט קלאפן אויפן טיש, ליידער דער מצב איז אזוי. אבער וואס מען קען יא טון, נישט צו-העלפן דערצו, און נישט זאגן אז עס געפעלט דיר ווי אזוי זי גייט. און זאגן פארקערט, עס טוט מיר וויי וואס דו טוסט, וועט זיין א שינוי נאכדעם ווי אזוי מען פירט זיך אויף.

*

**רבינו שליט"א סיים דבריו והציע איזה נקודות, ואמר שמובטח שמי שישתדל בדברים אלו, יראה במשך הימים התעלות רבה בהנהגתו ובעבודת קונו.**

בראש וראשון להתחזק בעבודת התפלה, אשר היא מהשלשה דברים שהעולם עומד, ויש להרבות בתפלה על עצמו, שיצילהו ה' מכל נסיון, ויפתח לבבו ולבב זרעו

בתורתו, וישים בלבנו אהבתו ויראתו, למען לא נגע לריק. וציטט מדברי **ראש ישיבת בריסק זצ"ל** שאמר בשם אביו, שאמר לאחד שביקש ממנו ברכה עבור הצלחת בנו. והשיב לו, תלמיד חכם יתגדל כפי ערך התורה שתלמדנו, וירא שמים יהיה לפי ערך הדמעות אשר אתה ואשתך יהיו שופכים עליו.

ויש בתפלה עוד ענין חשובה ביותר, שההתבוננות בגדולת הבורא בעת שמסדר שבחיו, מוליד בנפש האדם אהבה רבה לקונו, כמבואר **ברמב"ם** (ה' יסודי התורה ב-ב). והמתפלל כהוגן מלה במלה, ומתבונן בהדיבורים שיוצאים מפיו, הוא יוצא אחר התפלה ממולא ביראת שמים, מחוזק באמונה רבה ונפלאה, בבטחון רב ושמחת החיים בכל מצביו, וכל הבלי עולם הזה בטלים בעיניו נגד עשיית רצון קונו.

**רבינו שליט"א** הוסיף ואמר: וועט מען זאגן, דאס איז גוט פאר די וואס זענען כולל יונגעלייט, זיי האבן צייט, זיי זיצן באהלה של תורה, זיי האבן צייט אוועקצוגעבן פארן דאווענען, זיי דארפן זיך אוועקגעבן פאר עבודת התפלה. אבער רוב בני אדם זענען דאך פארנומען, צופרי דארף מען גיין ברענגען פרנסה, זיי קענען נישט דאווענען שטאטערהייט, מיט אן התבוננות, אז די תפלה זאל ביי זיי פועל'ן, עס זאל זיי ברענגען צו די דרגה וואס מען האט פריער גערעדט. דאס דאווענען איז אסאך מאל נאר אזוי ווי מצות אנשים מלומדה.

**איך** וויל אבער געבן אן עצה. עס איז דא איין זאך וואס יעדער קען טון, און עס איז א דבר השוה לכל הנפש, פאר יעדן איינעם. **איין טאג אין דער וואך זאל ער מקדיש זיין צו דאווענען מיט א מנין וואו מען דאווענט שטאט**. דאווענען תפלת שחרית במתינות. עס נעמט נישט לאנג. א פערטל שעה, צוואנציג מינוט, פינף און צוואנציג מינוט מער. איין טאג אין דער וואך! **יעדער האט א טאג אין דער וואך וואס ער איז נישט אזוי פארנומען ווי די איבריגע טעג**. דעם איינעם טאג זאל ער מקדיש זיין, היינט גיי איך דאווענען אין א מנין ווי מען דאווענט שטאט, איך זאל האבן צייט מכוון צו זיין די פירוש המילות פונעם דאווענען.

**אדער**, אפילו עס איז אים שווער צו גיין זוכן פרישע מנינים, **אין דעם מנין ווי ער דאווענט שטענדיג, זאל ער איין טאג אין די וואך קומען פופצן מינוט פריער צום דאווענען פון זמן תפלה, און ער זאל אנהייבן צו דאווענען בעפאר דער ציבור דאווענט, ער זאל קענען אנקומען צו די שמונה עשרה צוזאמען. ער זאל קענען דאווענען במתינות, ער זאל קענען מכוון זיין פירוש המילות. און אז ער קען, זאל ער נעמען א סידור וואס האט אין זיך די טייטש, וואס עס וועט אים זיין גרינגער מכוון צו זיין, וועט ער זעהן מיט די אייגענע אויגן, אז דעם התבוננות וואס ער האט נאך דעם דאווענען, ווען ער וועט אוועקגיין פון בית המדרש, וועט אויפפלאמען זיין הארץ צו אהבת ה' און יראת ה', עס וועט זיך טוישן זיין הנהגה פון וואס ער איז געווען, ער וועט חרטה האבן אויף אסאך זאכן וואס איז אדורכגעגאנגען פאר דעם אויף אים. עס וועט מעורר זיין דעם השתוקקות צום אייבערשטען, וואס יעדער יוד האט ביי זיך טיף אינעם הארץ. עס וועט אים געבן חיזוק אויף עבודת ה'. עס וועט אויף אים איבערלאזן א רושם, אז דער גאנצער טאג שפעטער אין דער ארבעט, וועט זיין אן אנדערער טאג. ער וועט אנהייבן צו שפירן א טעם וואס דאס מיינט א תפלה. וואס דאס מיינט א תענוג וואס ערליכע יודען האבן בשעת זיי דאווענען.**

**טעמו** וראו כי טוב ה', **פרובירט עס אויס, איין טאג אין די וואך, נישט קיין סאך, מען רעדט פון א פערטל שעה צוגעבן, צוואנציג מינוט, א האלבע שעה, דאווענען איין טאג א נארמאלע דאווענען, וועט עטץ געוואויר ווערן וואס תפלה איז.** מען וועט געוואויר ווערן וואס ליגט אין תפלה. וויפיל חיזוק מען נעמט ארויס פונעם דאווענען. און ברבות הימים, ווען מען וועט זיך צוגעוואוינען דערצו, וועט ער צוגעבן נאך א טאג, און צוויי טעג, זיך אויסלערנען צו דאווענען שטאט, און דורכדעם וועט ער משנה זיין זיין גאנצן מהות פון וואס ער איז געווען, אז ער וועט שפירן א טעם און א חיות אין עבודת ה'.

*

**_הנקודה השניה, לנצל יום השבת קודש לעבודת ה':_** מתנה טובה יש לי בבית גנזי, ושבת שמה, ואני מבקש ליתנה לישראל, לך והודיעם (שבת י:). דער אייבערשטער האט אונז געגעבן א מתנה טובה, דער שבת'דיגער טאג איז א מתנה טובה וואס יעדער יוד האט. דער שבת איז א יום מנוחה וקדושה, א טאג

וואס מען רוהט, און א טאג וואס איז הייליג. מען איז פריי פון די ארבעט, מען דרייט זיך נישט מיט קיין גוים א גאנץ שבת, די קדושה פון שבת רוהט אויף יעדן יוד עקסטער, ולא נתתו ה' אלקינו לגויי הארצות ולא הנחלתו מלכנו לעובדי פסילים. ווען דער שבת'דיגער טאג איז ביי א יוד מוקדש פאר קדושה, לאזט עס איבער א רושם אויף די גאנצע וואך. **אפילו ווען ער וויל רוהען שבת, ער איז אפגעמוטשעט פון די גאנצע וואך, און ער וויל זיך אויסרוהען איינמאל אין די וואך, געב אוועק צען שעה שבת פאר שלאפן, צען שעה.. בלייבט נאך אלץ איבער פערצן שעה, וואס מען קען נאך דינען דעם אייבערשטען!**

**וואס** זאל ער טון אין דעם שבת וואס איז ער מקדיש פארן אייבערשטען? קודם, **די תפילות אין שבת, דאווענען שטאטער.** ער האט צייט, ער יאגט זיך נישט, ווער שטערט דיך צו דאווענען שבת ווי א נארמאלער יוד דארף צו דאווענען מיט מתינות. מער זיך מתבונן זיין אין דאווענען פון וויפיל עס קומט אויס איבער די וואך. **די שבת'דיגע סעודות זאלן זיין הייליג, מרבה זיין שירות ותשבחות פארן אייבערשטען, רעדן דברי תורה אין שטוב, פארציילן סיפורי צדיקים, אנצווארעמען די הארץ פון זיך, און די הארץ פון די קינדער. אז מען האט א געלעגנהייט זיך צוזאמצוקומען פרייטאג צו נאכטס מיט חברים, א חבורה פון יראי ה', איז זייער חשוב. מזמן לזמן אז מען קען גיין צו א טיש פון אן ערליכן יוד, הערן דברי תורה און מוסר, האט א געוואלדיגן חשיבות.** עס איז נישט דומה שירות ותשבחות וואס א מענטש זאגט אליין פאר זיך, צו ווען רבים קומען זיך צוזאם, און מען זאגט שירות ותשבחות פארן אייבערשטען.

**בעיקר שלש סעודות, די סעודה פון רעוא דרעוין, מען איז שוין אויסגערוהט, גיין אויף א פלאץ ווי מען קען הערן דברי תורה, ווי מען קען הערן מוסר.** לא אלמן ישראל, איבעראל איז דא פלעצער וואו מען איז מאריך אין שלש סעודות, און מען האט די געלעגנהייט אז מען זאל קענען דארט מקבל זיין.

**ועל** כולם, **נעמען שבת איין האלבע שעה, לערנען א חסידיש ספר, לערנען מוסר, רואיגערהייט, זיך מתבונן זיין מה חובתי בעולמו, פארוואס דריי איך זיך ארום אויף די וועלט, צו ארבעטן און צו פארדינען געלט?! איך האב דאך עפעס וויכטיגערס צו טון. ווי אזוי איז אדורך מיין פאריגע וואך, ווי אזוי גיי איך זיך מסדר זיין אויף די קומענדיגע וואך.** - עס איז נישט קיין ספק, אז ווען א מענטש וועט אזוי אפרעכטן א שבת, וועט עס האבן א רושם אויף די גאנצע הנהגה נאכדעם, פון די קומענדיגע וואך.

*

**הנקודה השלישית, *להתרחק מחבר רע, ולהתחבר לחכמי ישראל*:** עס איז דא היינט זייער אסאך וואס זענען שוואך אין יודישקייט. **אז מען זעהט אויפן חבר אז ער הייבט אן נאכצולאזן, ער ווערט קאלט, ער איז א קל במעשיו, אדער אין זיין השקפה. ער האט א קאלטקייט אין עבודת ה', האק דיך אפ פון אים!** ער וועט דיך נאר אראפפירן, וועסט נישט קויפן ביי אים קיין יראת שמים. אין רמב"ם (ה' דעות ו-א) שטייט, אז דער סדר פון א מענטש איז, אז ער ווערט נמשך בדעותיו ובמעשיו נאך די חברים. האק דיך אפ פון שוואכע חברים. זוך דיר גוטע חברים! זיי דיך מדבק מיט ערליכע יודען, הולך את חכמים יחכם (משלי יג-כ), ווי עס שטייט אין מדרש (פדר"א כה), אז ווען איינער גייט אריין לבית המרקחים, אפילו ער האט גארנישט גענומען. ער איז אריין אין א פלאץ פון בשמים, גייט ער ארויס מיט א ריח טוב, מיט א גוטן ריח.

**אויב** דאס איז געווען א יסוד אין אלע דורות, אז מען זאל זיך דרייען ביי ערליכע יודען, על אחת כמה וכמה אין היינטיגע צייטן, וואס דער רוחות פון מינות און אפיקורסות און השחתה, נעמען ארום דעם מענטש אין וועלכן ווינקל ער שטייט. ווי וויכטיג איז אז מען זאל האבן חברותא מיט חכמי ישראל. - און כל שכן וואספארא תועלת דאס האט אויף קינדער, אז די קינדער זאלן גיין אויפן ריכטיגן וועג. מען זעהט ווי א טאטע שעצט תורה, ער שעצט תלמידי חכמים, ער איז זיך מחבר מיט זיי, חנוך לנער על פי דרכו גם כי יזקין לא יסור ממנו.

*

והעיקר היא להתחזק בקביעות עתים לתורה, בראתי יצר הרע בראתי לו תורה תבלין, והמאור שבה מחזירו למוטב, והתורה נמשלה לאש, ששורפת את היצר. וגם אם אינו רואה הפירות תיכף, נאמנים עלינו דברי חז"ל שבסופן של דברים, יחזירו התורה למוטב.

**מען** לערנט ביי אונז אין די קהילה '**ובהם נהגה**', מען הייבט יעצט אן א נייע מסכת, א קליינע מסכת, מסכת מועד קטן, מען קען עס מסיים זיין ביז צום זומער. עס איז די צייט אז מען זאל זיך צושטעלן, ווער עס האט זיך נישט צוגעשטעלט, מיט די הונדערטער חברים וואס זענען צוגעבינדען צו די חבורה.

**איך** האב מהרהר געווען היינט ביים דאווענען, הנותן שלג כצמר, כפור כאפר יפזר, משליך קרחו כפתים, לפני קרתו מי יעמוד. ישלח דברו וימסם, דער אייבערשטער שיקט זיין רייד, און ער טוט עס צעלאזן, ישב רוחו, זיין ווינט הייבט אן צו בלאזן, יזלו מים, עס צוגייט אויף וואסער, מגיד דבריו ליעקב חקיו ומשפטיו לישראל (תהלים קמז-טז). עס האט נישט קיין שייכות די רישא מיט די סיפא, וואס האט ער עס צוגעשטעלט?

**נאר** דער פשט דערפון איז, מען זעהט אז שניי, אייז, איז זייער קאלט. אבער ווען דער אייבערשטער טוט בלאזן דערויף אווארימע ווינט, צוביסלעך הייבט זיך עס אן צוצולאזן, עס טוט זיך דערווארימען און עס ווערט וואסער. דער מענטש איז אויך אזוי. ווען א יוד שפירט אז זיין יודישקייט איז קאלט, ער איז א שטיק שניי, ער איז א שטיק אייז, ווען עס הייבט אן צו בלאזן אויף אים, די רוח פון תורה, וואס די תורה איז הלא כה דברי כאש, הייבט זיך אן אויפצולאזן דאס קאלטקייט וואס דער מענטש האט.

**זאגט** דער פסוק, אזוי ווי דער אייבערשטער איז נותן שלג כצמר, כפור כאפר יפזר, און ווען עס איז ישב רוחו, יזלו מים, עס ווערט אויפגעלאזט דער אייז. זאלסטו וויסן אז אזוי איז די תורה, מגיד דבריו ליעקב, עס האט דעם זעלבן כח אויף דיר, אפילו ווען דו ביסט קאלט אין יודישקייט, וועט די תורה מאכן אויף דיר א רושם.

*

**רבינו שליט"א** סיים דבריו, שיש כעת עת רצון גדול, הנשמות של החכמי ישראל חוזרין כעת למעלה למקום מנוחתם, הם עצמם רובם פגועי המחלה השוררת כעת בעולם, הם עדין לא שכחו צרותיהן של ישראל, אשר בני ישראל היו נושאים עיניהם ומייחלים לתפלותיהם. ויעוררו רחמים על אחינו בני ישראל הנתונים בצרה ובשביה, ובפרט על הציבור שהתאספו לכבודם, ויסיר מהם כל מחלה וירפא לכל גופם, וישלח ברכה והצלחה בכל מעשה ידיהם. ונזכה להיכנס לימי השמחה בלבב שלם, ויקבץ נדחינו מארבע כנפות הארץ בעגלא ובזמן קריב, בביאת בן דוד, במהרה בימינו אמן.

אחר הדרשה התקיים מסיבת לחיים, **ורבינו שליט"א** חילק מזונות לכל הקהל.

דבריו חוצבים להבות אש של **רבינו שליט"א** הכה גלים בכל ריכוזי היהודות החרדית, ודבר המלך ודתו הגיע לאלפים רבים בכל קצוי תבל [על ידי קוי הטלפון, והפצת קונטרסי הדרשה ביודיש], להתעורר ולשוב לה' בתשובה שלימה ותיקון המעשים.

*

***ערב שבת פרשת תרומה***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין לבן הר"ר **עקיבא זינגער** הי"ו. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה. אחר כך השמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה.

*

***שבת קודש פרשת תרומה***

בליל שבת קודש ערך **רבינו שליט"א** באטע בבית המדרש סאמבאטהעלי. **רבינו שליט"א** השמיע דברי תורה בעניני הפרשה. בברכת המזון נתכבד **הרה"ג רבי יואל משה מרדכי שליט"א.**

בקריאת התורה קרא **רבינו שליט"א** השם לבת הנולדה אצל הר"ר **ישראל פאללאק** הי"ו. אחר התפלה התקיים קידושא רבא לכבוד השמחה.

במוצאי שבת השתתף **רבינו שליט"א** אצל השבע ברכות של בן הרה"ג **נפתלי הירצקא בערגער** שליט"א (בן הגה"צ אב"ד מישקאלץ שליט"א), עב"ג בת הרב **משה אליקים בריעה לאבין** שליט"א, שהתקיים בבית המדרש מישקאלץ. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.